בעזהשי"ת

# מכתבי התחזקות

## נשא - שבועות

תשע"ז

קרן הדפסה
היכל הקודש

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
## אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"

בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

Visit our website: www.breslevcity.co.il

**לשמוע השיעורים: 212-444-9191**

Find our entire book selection at:

**AMAZON.COM**

To donate and/or sponsor one of our books please call: **845-248-1651**

בעזהשי״ת - מוצאי שבת קודש פרשת במדבר, ב׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳**

א גרויסן יישר כח פאר די עסן וואס איר האט געשיקט, מיר אלע האבן זיך מחי׳ געוועןֹ; דער אייבערשטער זאל דיר באצאלן אז דו זאלסט זען נחת ביי אייערע קינדער צוזאמען מיט דיין מאן ני״ו, אמן.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס איז דיין זכות, אז דו און דיין מאן העלפן דעם מוסד אז אלעס זאל זיך פירן אזוי ווי עס דארף צו זיין; דיין מאן זאגט מיר אז ער וויל זיין דער נחשון בן עמינדב ארויס צו גיין וואוינען אינעם שטעטל וואס מיר בויען יעצט אויף; דער אייבערשטער זאל ענק בענטשן אז איר זאלט זיין שטארק, און נישט קוקן אויף קיינעם, וועט איר מצליח זיין מיט אייערע קינדער און זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, אמן.

...

בעזהשי״ת - מוצאי שבת קודש פרשת במדבר, ב׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

דו האסט מיר פארציילט אז מען האט דיגנאזירט דיין ... מיט ... ה״י; קודם כל זאלסטו שוין מנדב זיין געלט צו דרוקן אשר בנחל, און דאס וועט זיין א פדיון נפש לרפואתה, אזוי ווי מוהרא״ש ז״ל האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט געבן געלט צו דרוקן זיינע ספרים - ובפרט אשר בנחל, זאגט ער צו א שטארקע צוזאג אז מען וועט זען אן אפענע ישועה.

צווייטנס וויל איך דיר זייער בעטן אז דו זאלסט זיך נישט פארלירן; בעט דעם אייבערשטן אז דיין ... זאל זיין געזונט און שטארק, און דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מען קען פועל׳ן דורך תפילה.

איך וועל בעטן אלע קינדער פון תלמוד תורה און אלע מיידלעך פון מיידל סקול, אז זיי זאלן מתפלל זיין פאר איר, און דער אייבערשטער וועט איר שיקן א רפואה שלימה בקרוב בתוך שאר חולי ישראל.

נאכאמאל, שטארק דיר און גלייב באמונה שלימה אז דער אייבערשטער וועט דיר מאכן גרויסע ניסים.

א גוטע וואך.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת נשא, ג' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

ב"ה אז מיר שטייען שוין פאר קבלת התורה ווען מיר גייען נאכאמאל מקבל זיין די הייליגע תורה; וואויל איז פאר א מענטש וואס מאכט שוין פון יעצט די ריכטיגע הכנות צו אזא גרויסע טאג.

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר האבן זוכה געווען צו באקומען פונעם רבי'ן דעם סדר דרך הלימוד - א וועג צו לערנען פאר יעדן איינעם; ווער עס געוואוינט זיך צו און לערנט אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, דער דארף שוין גארנישט, ווייל ער קלעבט זיך צו צו די הייליגע תורה. מען האט געזען אין אלע דורות ווי די אלע אנשי שלומינו וואס האבן געפאלגט דעם רבי'ן, האבן נישט מבטל געווען קיין איין מינוט.

מוהרא"ש ז"ל פלעגט דערציילן מעשיות פון פשוט'ע ברסלב'ער אידן - וואס האבן געארבעט שווער צו קענען ברענגען א שטיקל ברויט אויפן טיש - ווי זיי פלעגן מיט נעמען מיט זיך א זעקל ספרים, און ווען זיי האבן געהאט אביסל צייט פלעגן זיי אריין כאפן נאך א שטיקל גמרא און נאך א פרק משניות; דערפאר, זע מיט צו נעמען מיט דיר - וואו דו גייסט - א זעקל ספרים, אז דו זאלסט קענען אריין כאפן אביסל גוטס יעדן טאג.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן כג): "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כַּךְ אֵיזֶה קַאפִּיטְלֶיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְוֹת", וואויל איז דעם וואס עסט אפאר פרקים משניות, און טרינקט אפאר קאפיטלעך תהילים, און טוט זיך אן מיט מצוות.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת נשא, ג' סיון, שנת תשע"ז

**לכבוד ... ני"ו**

איך האף אז דו האסט מער נישט קיין שייכות מיט וכו'; ווען א מענטש האט געזינדיגט און ער טוט מער נישט וואס ער האט געטון, נאר ער טוט תשובה און ער גייט מער נישט צוריק צו זיינע אלטע מעשים וואס ער פלעגט טון - דער איז א אמת'דיגער תשובה, אזוי ווי חז"ל זאגן (יומא פו:): "הֵיכִי דָּמִי בַּעַל תְּשׁוּבָה", וואס הייסט א בעל תשובה? "אָמַר רַב יְהוּדָה, כְּגוֹן שֶׁבָּאַת לְיָדוֹ דְּבַר עֲבֵירָה פַּעַם רִאשׁוֹנָה וּשְׁנִיָּה, וְנִיצַּל הֵימֶנָּה", אז עס קומט אים נאכאמאל אונטער צו טון די עבירה, און ער טוט עס נישט; "מַחְוֵי רַב יְהוּדָה, בְּאוֹתָהּ אִשָּׁה; בְּאוֹתוֹ פֶּרֶק; בְּאוֹתוֹ מָקוֹם", רב יהודה זאגט אויב ער קומט אן צו די פלאץ וואו ער האט געטון אן עבירה, און עס קומט אים נאכאמאל אונטער א געלעגענהייט צו זינדיגן, און ער זינדיגט נישט - דאס איז תשובה.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון תשובה; חז"ל זאגן (שם): "ר' מֵאִיר אוֹמֵר: גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה - שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תשובה איז אזוי גרויס, אז ווען א מענטש טוט תשובה איז מען אים מוחל, און מען איז מוחל פאר די גאנצע וועלט; ווען א מענטש זאגט פארן אייבערשטן: **"רבונו של עולם, דו מיינסט איך וויל טון עבירות? דו מיינסט איך וויל זינדיגן? איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל זיין א צדיק; וואס זאל איך טון אז דער יצר הרע ברענט אין מיר, און ערווארפט מיר אראפ אין עקעלדיגע מעשים? הייליגער באשעפער, האב אויף מיר רחמנות, איך וויל זיין אן ערליכער איד, העלף מיר אז איך זאל נישט טון קיין נארישקייטן, העלף מיר אז איך זאל זיין פרייליך און נישט נאכלויפן קיין**

שלעכטע מעשים", איז מען אים מוחל און מען איז מוחל פאר יעדן איינעם. ווייל ער זאגט פארן אייבערשטן: **"רבונו של עולם אידן ווילן זיין גוט; אידן ווילן זיין וואויל; וואס זאלן מיר טון אז דער יצר הרע איז אזוי שטארק און אזוי ברענעדיג וכו' וכו'?"**

וויסן זאלסטו אז איך ווארט דו זאלסט מיר שרייבן יעדן טאג א בריוו; אפילו איך קען דיר נישט צוריק שרייבן גלייך, דאך זאלסטו וויסן אז איך ליין דיינע בריוו און איך בעט פאר דיר; א מענטש מוז האבן א גוטע חבר וואס איז אים מחזק און העלפט אים, במשך אזוי פיל יארן וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו לערנען מיט בחורים און אינגעלייט האב איך געזען דאס וואס חוני המעגל האט געזאגט (תענית כג.) ווען ער איז אויפגעשטאנען נאכן שלאפן זיבציג יאר, און קיינער האט אים נישט געגלייבט אז ער איז חוני המעגל, און מען האט געלאכט פון אים, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל שטארבן, און ער איז געשטארבן; האט רבא געזאגט, דאס איז פשט וואס מענטשן זאגן: "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא", אדער האב איך א חבר, און אז נישט וויל איך שטארבן; ווייל א מענטש מוז האבן א גוטע חבר וואס איז אים מחזק אין עבודת השם.

פון איין זייט בין איך דיין רבי, ווייל דו האסט געלערנט ביי מיר אסאך יארן אין ישיבה; אבער פון דער אנדערע זייט בין איך דיין חבר וואס מיר ביידע קומען צום הייליגן רבי'ן לערנען, און אז מען האט א גוטע חבר קען מען זייער שטארק מצליח זיין. אזוי זאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע (צעטל קטן, סימן יג): "לְסַפֵּר בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַמּוֹרֶה לוֹ דֶּרֶךְ הַשֵּׁם, וַאֲפִילוּ לִפְנֵי חָבֵר נֶאֱמָן - כָּל הַמַּחְשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד תּוֹרָתֵינוּ הַקְדוֹשָׁה, אֲשֶׁר הַיֵּצֶר הָרָע מַעֲלָה אוֹתָן עַל מוֹחוֹ וְלִבּוֹ, הֵן בִּשְׁעַת תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הֵן בְּשָׁכְבוֹ עַל מִטָּתוֹ, וְהֵן בְּאֶמְצַע הַיּוֹם. וְלֹא יַעֲלִים שׁוּם דָּבָר מַחְמַת הַבּוּשָׁה, וְנִמְצָא עַל יְדֵי סִיפּוּר הַדְּבָרִים שֶׁמּוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל, מְשַׁבֵּר אֶת כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁלֹּא יוּכַל לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו כָּל כַּךְ בְּפַעַם אַחֶרֶת, חוּץ עֵצָה הַטּוֹבָה אֲשֶׁר יוּכַל לְקַבֵּל מֵחֲבֵירוֹ שֶׁהוּא דֶּרֶךְ הַשֵּׁם, וְהוּא סְגוּלָה נִפְלָאָה", מען זאל פארציילן פאר א רבי וואס לערנט אויס ווי אזוי צו זיין אן ערליכער איד, אדער אפילו פאר א ערליכער חבר - אלע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אינעם מענטש; מען זאל גארנישט

באהאלטן צוליב בושה, נאר מען זאל פארציילן אלע מחשבות וואס מען טראכט, סיי בשעת׳ן דאווענען, סיי בשעת מען לערנט, און סיי די מחשבות וואס מען טראכט ווען מען ליגט אין בעט, און דורכ׳ן טאג. און ער זאגט אן אינטערעסאנטע זאך, אז חוץ וואס מען קען באקומען א עצה טובה פונעם רבי אדער חבר, דאס אליינס - אז מען זאגט ארויס די מחשבות, צעברעכט דעם יצר הרע, און אלע שלעכטע געדאנקען גייען אוועק.

דערפאר בעט איך דיר, שטארק זיך און אנטלויף פון דיינע שמוציגע מעשים וואס דו האסט זיך מרגיל געווען צו טון, האק אפ אלע קשרים וכו׳, ענדערש זאלסטו אין די צייט רעדן מיט דיין ווייב תחי׳; דער אייבערשטער האט געמאכט מיט דיר אזא נס אז דו האסט חתונה געהאט, ווער האט דאס געגלייבט. דו אליין האסט מיר געשריבן אלץ בחור אז דו ביסט מיאוש, און דו האסט געטראכט אז דו וועסט קיינמאל נישט חתונה האבן (איך ווייס אז דו האסט שוין לאנג פארגעסן וכו׳, אבער איך קען דיר ווייזן אלע בריוו וואס דו האסט מיר געשריבן; איך האב אלעס אוועק געלייגט), ממילא יעצט אז דו האסט אזוי שיין חתונה געהאט, און דו ביסט שוין א טאטעלע - אנטלויף פון עבירות.

גלייב מיר, איך וויל גארנישט; ווען איך קען ווען אלעס איבערלאזן און זיך צוריק זעצן לערנען וואלט איך עס געטון, אבער איך ווער ווייטער פאלגן מיין הייליגער רבי מוהרא״ש ז״ל. ווען מען האט מיר ארויס געווארפן פון די ווינער ישיבה האב איך מיך זייער געפרייט אז איך דארף שוין נישט ארבעטן אזוי שווער; איך געדענק עס נאך ווי היינט, ווען איך בין צוריק געקומען פון די אסיפה ווי מען האט מיר מודיע געווען אז איך בין ארויסגעווארפן, און איך האב עס דערציילט פאר מיין ווייב תחי׳, האט זי מיר געזאגט: ״דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט שוין נישט קיין עבירות; ווייל דער רבי זאגט: ״ארבעטן ארבעט מען פאר די עבירות, און געלט געבט דער אייבערשטער״, און יעצט אז מען האט דיר אפגעזאגט פון דיין מנהל פאסטן וכו׳ האסטו שוין נישט קיין עבירות״, האב איך דעמאלט אפגעמאכט אז איך גיי צוריק אין כולל לערנען, און איך האב נישט געוואלט מער ארבעטן מיט מענטשן.

איך בין געגאנגען פארציילן פאר מוהרא"ש אז מען האט מיר ארויסגעווארפן, און מוהרא"ש האט מיר זייער שטארק מחזק געווען; דאס איז געווען צוויי טעג פאר יום הקדוש תשס"ט. ערב יום הקדוש באקום איך א בריוו פון מוהרא"ש, וואו מוהרא"ש ז"ל שרייבט מיר: "אז דו ווילסט מיר פאלגן, וואלט איך דיר געזאגט עפען א ישיבה וכו'"; מיר איז נישט גוט געווארן, אבער איך האב נישט געטראכט קיין איין מינוט יא צי ניין, ביי מיר איז א ווארט פון מיין רבי וואס האט מיר געברענגט צום אייבערשטן א ווארט, און איך האב געעפענט די ישיבה. שפעטער ווען עס האבן אנגעפאנגען צו ווערן שידוכים אין ישיבה האט מיר מוהרא"ש געהייסן לערנען מיט די חתנים, און נאכדעם האט מיר מוהרא"ש געבעטן אז איך זאל מחזק זיין די אינגעלייט, און שפעטער האט מוהרא"ש מיר געבעטן אז איך זאל רעדן צו די פרויען.

יעצט ווען מוהרא"ש איז נסתלק געווארן איז מיר אזוי שווער; גלייב מיר, פאר קיינעם פעלט נישט מוהרא"ש אזוי ווי פאר מיר. איך שפיר אז איך טראג עס נישט אריבער; עס ליגט אויף מיר א שווערע לאסט - אנגעפאנגען פון די בחורים, פון די חדר און פון די מיידל סקול; פון די אינגעלייט און ווייבלעך. און ווען איך זע ווי אינגעלייט האבן נישט קיין שכל, און האלטן זיך קלוגער פון זייער רבי וואס האט זיך מוסר נפש געווען פאר זייט, טוט מיר עס אזוי וויי, אז עס טרעט מיר צו צו מיין הארץ.

עס איז זייער גרינג צו זאגן: "א שאד אז מוהרא"ש איז נישט דא, און מען האט נישט וועמען צו פרעגן"; דאס איז דער בעסטער תירוץ; איך הער ווי אינגעלייט קרעכצן אז מען האט נישט צו וועם צו גיין וכו', די אלע האבן קיינמאל קיין שייכות נישט געהאט מיט מוהרא"ש וכו', אבער איך וועל ווייטער טון וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט - אז מען זאל אנטלויפן צום אייבערשטן, און דאס איז וואס איך טו. דערפאר בעט איך דיר, שרייב מיר ווייטער בריוו, און איך וועל דיר נישט לאזן פאלן.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת נשא, ג' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב הנאה צו הערן אז דו שטארקסט זיך און דו רעדסט צום אייבערשטן; מוהרא״ש ז״ל פלעגט שטענדיג זאגן אז זייער אסאך מאל ווען עס גייט נישט קיין שידוכים און מען ווערט עלטער און עלטער איז עס נאר ווייל מען וועלט זיך - סיי ביי בחורים און סיי ביי מיידלעך; יעדער טראכט און מיינט אז פאר אים וועט קומען צו גיין א שידוך אזאנס וואס איז נאך נישט געווען און עס וועט נישט זיין, און דערפאר זאגט מען אפ שידוכים איינער נאכן אנדערע וכו׳ וכו׳, חז״ל זאגן אבער (יבמות סג.): ״נְחוֹת דַּרְגָּא, וּנְסִיב אִיתְּתָא״, גיי אראפ א שטעפל און האב חתונה.

יעצט אז דו שרייבסט מיר אז דו ביסט שוין דריי און דרייסיג יאר, און עס גייט דיר נישט קיין שידוך, און דו שרייבסט מיר: ״איך בין שוין אנגעקומען צו א מצב וואס איך גיי שוין ארויס מיט בעלי תשובה״; קודם כל זאלסטו וויסן אז א בעלת תשובה איז זייער א גרויסע זאך, אזוי ווי חז״ל זאגן (ברכות לד:): ״אָמַר ר׳ אַבָּהוּ: בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין״, ווייל זיי זענען שוין געווען ביים יצר הרע און זיי זענען אוועקגעלאפן פון זיינע הענט; צווייטנס וויל איך דיר זאגן אז מיר אלע זענען בעלי תשובות, און ווער עס זאגט אז ער איז נישט קיין בעל תשובה דארף ווערן א בעל תשובה. אזוי זאגט דער הייליגער רבי (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳, סימן ו): ״וַאֲפִילּוּ אִם יוֹדֵעַ אָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה״, אפילו א מענטש האט שוין תשובה געטון, דארף ער שטענדיג האלטן אין איין תשובה טון.

דערפאר בעט איך דיר זייער אז זאלסט זיך נישט וועלן, און אז דו גייסט ארויס מיט א מיידל זאלסטו קוקן צי זי איז געזונט און צי זי וויל אויך אויפשטעלן א אידישע שטוב, און דו זאלסט ענדיגן ווי שנעלער; ווייל דער לעבן איז אזוי קורץ, מען געבט זיך א דריי און מען דארף שוין צוריק גיין צום אייבערשטן.

וויפיל בחורים זאגן אפ שידוכים וכו׳ וועגן שיינקייט, ווען דער בחור אליין איז א פארזעעניש וכו׳.

איך האף צו הערן פון דיר בקרוב א גוטע בשורה.

...

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת נשא, ג׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך ווייס נישט וואו דיין שכל איז אז דו פרעגסט מיר בכלל אזא שאלה; דער טערעפיסט זאל דאס אליין מקיים זיין אויף זיך. דער רבי האט געזאגט פאר ר׳ נתן אז א קינד שלאגט מען נישט; דאס איז גערעדט געווארן אפילו קליינע קינדער, כל שכן אז דיין זון איז שוין בר מצוה, וואס דאס איז דאך א בפירוש׳ע הלכה (יורה דעה סימן רמ, סעיף כ) אז מען טאר נישט שלאגן א גרויס קינד, ווייל מען איז עובר אויף (ויקרא יט, יד): ״וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל״.

אזוי שרייבט א טערעפיסט צו וועם דער מוסד האט דיר געהייסן גיין?! שומי שמים! איך וואונדער זיך צי ער האט דיר טאקע געזאגט אזוי ווי דו שרייבסט מיר, אדער דו ביסט מגזים; דו שרייבסט מיר דעם לשון: ״אז ער הייבט הענט, זאל אים דער טאטע אזוי אנרייסן די ביינער, אז עס מעג בלייבן סימנים אויף אים אויף א וואך צוויי, אז ער זאל וויסן אז ״מ׳הייבט נישט קיין הענט אויף עלטערן״; רחמנא לצלן, דער אייבערשטער זאל דיך אפהיטן פון דעם. דו זאלסט ווייטער רעדן מיט האברך ר׳ ... ני״ו, ער איז א פארשטענדליכער אינגערמאן, און ער האט אסאך מקבל געווען פון מוהרא״ש ז״ל.

דאס וואס דער טערעפיסט האט דיר אויסגעלערנט אז עס איז נישט דא קיין הסברים, נאר א קינד דארף פאלגן אן קיין פארוואס און אן קיין פארווען - מיט דעם איז ער גערעכט, דאס איז א-ב פון חינוך; א קינד דארף וויסן אז א ווארט פון טאטע מאמע איז א ווארט, נישט דא קיין וויכוחים, קיין הסברים און קיין טעמים. ווען א קינד פרעגט: "פארוואס דארף איך דאס טון?" איז דער תירוץ: "ווייל טאטע מאמע האבן אזוי געזאגט" - אן קיין פארוואס און אן קיין פארווען.

וואויל איז פאר עלטערן וואס זענען מחנך די קינדער ווען זיי זענען יונג, ווייל וויסן זאלסטו אז קינדער - ווען זיי זענען שוין עלטער, קען מען שוין נישט רעדן צו זיי, און ווי יונגער זיי זענען, אלץ מער הערן זיי אויס. שלמה המלך זאגט (משלי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווער עס האט ליב זיין קינד, זאגט אים מוסר, און ווער עס זאגט נישט קיין מוסר, איז א סימן אז ער האט פיינט זיין קינד. פרעגן חז"ל (מדרש שמות רבה א, א): "ווען א מענטש הערט אז איינער האט געשלאגן זיין קינד, וועט ער זיך דאך נוקם זיין אין יענעם, איז ווי אזוי זאגסטו אז ווער עס שלאגט נישט זיין קינד האט פיינט זיין קינד?" ענטפערן חז"ל: "ווען א מענטש איז נישט מחנך זיין קינד ווייל ער שוינט אים, זאל ער וויסן אז ער וועט צום סוף אראפ גיין פון אידישן וועג. אזוי ווי מיר זעען ביי אברהם אבינו, ווען ער האט געזען ווי ישמעאל קומט אהיים מיט א געטשקע, און ער שפילט זיך מיט דעם, האט ער אים געשוינט און גארנישט געזאגט, און עס האט זיך אויסגעלאזט מיט דעם אז ער האט אים געדארפט פארטרייבן פון שטוב כדי ער זאל נישט קליע מאכן זיין ברודער יצחק.

אזוי האט אויך פאסירט מיט עשו, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יצחק האט ליב געהאט עשו, און ער האט אים קיינמאל גארנישט געזאגט, צום סוף איז ער ארויס לתרבות רעה; חז"ל זאגן (בבא בתרא טז:) אז אין דעם טאג וואס עשו האט פארקויפט די בכורה פאר יעקב האט ער עובר געווען אויף פינף הארבע עבירות - ער האט געטון אן עבירה מיט א נערה המאורסה; ער האט גע'הרג'עט א מענטש; כופר געווען אין תחיית המתים; כופר געווען אינעם אייבערשטן; און ער האט פארשעמט די בכורה. זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש

זאגט נישט קיין מוסר פאר זיינע קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, וועט ער חרטה האבן שפעטער.

עס איז כדאי זאלסט נאכקוקן אין מדרש (מדרש שמות רבה א, א; תנחומא שמות א, א), ווערסטו זען ווי חז"ל רעכענען אויס נאך מעשיות, אבשלום און אדוניה די קינדער פון דוד המלך וואס ער האט זיי נישט געזאגט קיין מוסר, און וואס עס איז געשען מיט זיי; אבער דער מדרש פירט אויס, אז אברהם האט מחנך געווען יצחק, און יצחק האט מחנך געווען יעקב, און אזוי ווייטער; וועגן דעם זענען זיי געווארן גרויסע צדיקים, און מען האט געהאט פון זיי אסאך נחת.

ווי יונגער מען איז מחנך די קינדער אז זיי זאלן זיך אויפפירן אזוי ווי עס דארף צו זיין, וועט מען האבן מער נחת פון זיי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מען דארף אויס לערנען פארן קינד דרך ארץ ווען ער איז נאך יונג.

איך האב נישט קיין צייט יעצט צו שרייבן, ווייל איך בין א בעל שמחה; אבער איך האב דיר קודם געמוזט שרייבן אפאר שורות אז דו זאלסט חס ושלום נישט אויסהערן דעם טערעפיסט; קליינע קינדער קען מען אמאל געבן - ווען עס פעלט אויס - א פעטשעלע, אבער א בחור טאר מען נישט שלאגן, ווייל דו וועסט אים אינגאנצן פארלירן.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת נשא, ג' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך הער זאגן אז דו זאגסט נאך אין מיין נאמען פאר פרויען אז מען קען גיין אנגעשמירט די אויגן, און דו מאכסט חוזק פון צניעות וכו' וכו'.

איך וואונדער זיך ווי אזוי שעמט זיך נישט א אידישע פרוי צו זאגן אויף צניעות אז אלעס איז שטותים, ווען חז"ל זאגן (מגילה יג:): "בִּשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיְתָה בָּהּ בְּרָחֵל זָכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה שָׁאוּל, וּבִשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיָה בּוֹ בְּשָׁאוּל זָכָה וְיָצְאת מִמֶּנּוּ אֶסְתֵּר", און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים"; איך ווארן דיך: דו זאלסט נישט רעדן אין מיין נאמען. וואס רעד איך יעדע ערב ראש חודש פאר די פרויען? אז אין שטוב פאר די מאן דארף מען זיך אהער שטעלן וכו', אבער אויפן גאס דארף מען זייער אכטונג געבן.

דער הייליגער רבי האט דערציילט (מעשיות בסוף סיפורי מעשיות): "עס איז געווען א צדיק וואס האט זיך אינגאנצן אויסגעארבעט, און ער איז ארויף אויבן אין הימל און געזען ווי עס שטייט א גרויסע טאפ מיט שטיקער פלייש און ביינער, האט ער געפרעגט: "וואס איז דאס?" האט מען אים געענטפערט: "דאס איז פון א פרוי וואס פלעגט גיין אנגעטון נישט צניעות'דיג, און זי פלעגט אנרייצן בחורים און אינגעלייט צו זינדיגן", און דאס איז איר שטראף, אז זי ווערט יעדן טאג אויף געקאכט אין הייסע בריעדיגע וואסער"; איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער וואס איך שרייב דיר.

עס זעט אויס אז דו ליינסט נישט די בריוו וואס איך שרייב יעדע ערב שבת פאר אלע פרויען פון אנשי שלומינו; נעם מיינע בריוו און ליין זיי, וואס שרייב איך יעדע וואך פאר די פרויען אז נישט פון צניעות?! ווי שעמסטו זיך נישט צו זאגן אז אין 'היכל הקודש' מעג מען אלעס?! קוק די בריוו וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאר אלע פרויען דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן:

"שָׁלוֹם רַב צוּ אַלֶע טֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ:

אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין צְנִיעוּת; קוּקְט וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּם סוֹף, אוּן נֶעמְט אַייךְ פָּאר צוּ זַיין צְנִיעוּת'דִיג, אוּן מִיט דֶעם וֶועט אִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַּאר מִיר".

איך בעט דיר זייער אז דו זאלסט תשובה טון, און איבער געבן פאר אלע פרויען צו וועמען דו רעדסט, אז זיי זאלן ליינען מיינע בריוו וואס איך שרייב יעדע וואך, און קומען צו די שיעורים יעדע ערב ראש חודש, וועסטו הערן ווי אזוי א פרוי פון היכל הקודש דארף זיך פירן.

בדרך כלל די אלא וואס טוען זיך אן אויפן גאס נישט בצניעות, די אלע זענען נישט קיין געטרייע פרויען פאר זייערע מענער; אין שטוב גייען זיי אנגעטון צעריסן און צעשליסן, און זייער גאנצע קאפ איז נאר ווי אזוי זיי קענען ציען צו זיך אויפמערקזאמקייט פון פרעמדע מענער און פרעמדע בחורים רחמנא לצלן. אבער די אלע ערליכע פרויען וואס געבן אכטונג ווען זיי גייען אויפן גאס צו גיין זייער איידל און באשיידן, זיי זענען די וואס ווארטן אפ זייערע מענער אזוי ווי עס דארף צו זיין.

איך בעט דיר זייער אז דו זאלסט נישט נאך זאגן אין מיין נאמען אזעלכע זאכן, און מאך מיר נישט חרוב דעם פלאץ וואס איך לייג אריין יעדע טראפל בלוט פון מיר; איך האף אז דו וועסט זיך פארעכטן און זיך אנטון אזוי ווי אמאל. דו האסט חתונה געהאט אזוי ערליך און אזוי איידל, און יעצט מיינסטו אז דו דארפסט נאך טאנצן יעדע נייע משוגעת. דער אייבערשטער האט דיר געגעבן אזא טייערע מאן, ער דארף נישט אז דו זאלסט זיך אנטון פראסט וכו׳.

...

בעזהשי״ת - יום ב׳ פרשת נשא, ד׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך בעט דיר זייער אז דו זאלסט זיך שטארקן מיט אמונה פשוטה, און נעם אריין אין דיר אז אלעס איז דער אייבערשטער און אלעס טוט נאר ער אליין, און וואס דער אייבערשטער טוט איז נאר גוט; איי וועסטו פרעגן, אז אלעס איז דער אייבערשטער, און אלעס טוט נאר ער אליין, און אלעס איז זיכער נאר לטובה, דעמאלט ווי אזוי קענען מיר מתפלל זיין אויף א זאך וואס איז זיכער גוט, אז עס זאל זיין פארקערט?

נאר דער אייבערשטער האט אונז באפוילן מיט די מצוה פון תפילה - אז מיר זאלן דאווענען און מבטל זיין אלע שלעכטע גזירות.

מען זעט ביי דוד המלך (שמואל-ב, יב), אז ווען זיין זון איז קראנק געווארן האט ער געפאסט און ער האט זיך נישט געלייגט אין בעט שלאפן נאר ער איז געשלאפן אויף דער ערד, און וויפיל מען האט אים געוואלט טרייסטן האט ער זיך נישט געלאזט; ער האט נישט געוואלט מיט עסן מיט זיינע באדינער, און ער האט געהאלטן אין איין מתפלל זיין צום אייבערשטן אויף זיין קינד. ווען דער קינד איז געשטארבן האבן די באדינער מורא געהאט צו דערציילן פאר דוד המלך אז זיין זון איז געשטארבן, ווייל זיי האבן געטראכט: מה-דאך ווען דאס קינד האט געלעבט און ער איז נישט געזונט געווען האט דוד המלך זיך נישט געלאזט טרייסטן, וואס וועט שוין זיין יעצט ווען ער וועט הערן אז דאס קינד איז געשטארבן?!

ווען דוד המלך האט געזען ווי זיי שושקען זיך, האט ער זיי געפרעגט: "הֲמֵת הַיֶּלֶד?" "וַיֹּאמְרוּ: מֵת", האט זיך דוד המלך גלייך אויסגעטון זיין זאק, און ער האט זיך געזעצט אויף זיין שטיל און געבעטן אז מען זאל אים ברענגען עסן; זיינע קנעכט האבן דאס נישט פארשטאנען און זיי האבן אים געפרעגט: "מָה הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָה?" וואס גייט דא פאר, "בַּעֲבוּר הַיֶּלֶד חַי, צַמְתָּ וַתֵּבְךְּ, וְכַאֲשֶׁר מֵת הַיֶּלֶד, קַמְתָּ וַתֹּאכַל לָחֶם?" ווען דיין קינד איז געווען נישט געזונט און ער האט נאך געלעבט האסטו געפאסט און געוויינט, און יעצט ווען ער איז געשטארבן שטייסטו אויף פון דער ערד און דו עסט א סעודה?! האט זיי דוד המלך געענטפערט: "וַיֹּאמֶר: בְּעוֹד הַיֶּלֶד חַי, צַמְתִּי וָאֶבְכֶּה, כִּי אָמַרְתִּי מִי יוֹדֵעַ וְחַנַּנִי ה׳ וְחַי הַיָּלֶד, וְעַתָּה מֵת, לָמָּה זֶּה אֲנִי צָם הַאוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ, עוֹד, אֲנִי הֹלֵךְ אֵלָיו, וְהוּא לֹא יָשׁוּב אֵלָי", ווען מיין קינד האט נאך געלעבט, האב איך געטראכט אז איך וועל בעטן דעם אייבערשטן, אפשר וועט דער אייבערשטער מיר העלפן, אבער יעצט אז ער איז געשטארבן, ווייס איך אז עס איז א גזירה פונעם אייבערשטן, און איך קען אים שוין נישט צוריק ברענגען צו מיר.

זעט מען אז ווען עס איז דא א גזירה דארף מען בעטן דעם אייבערשטן, אבער מען טאר זיך נישט פארלירן נאר מען דארף געדענקען אז אלעס איז נאר לטובה, און אפילו מיר זעען עס נישט, דארפן מיר ווייטער גלייבן אין אים.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן ע): ״היתכן מיר לאזן דעם אייבערשטן מאכן גזירות אויף אידן, ווייל ווען א מענטש רעדט זיך אויס זיין הארץ פארן אייבערשטן לאזט דער אייבערשטער אלעס אפ כביכול, און הערט אויס דעם מענטש, און ער מאכט נישט קיין גזירות אויף דער וועלט״.

א פחד פון א ווארט; א מענטש האט א כח אפ צו האלטן אלע גזירות וואס קומען אויף דער וועלט. דערפאר לאמיר אנהייבן פאלגן דעם רבי׳ן און מאכן התבודדות, ווארט נישט ווען דו וועסט האבן א גאנצע שעה, נאר כאפ יעצט ארויס א ווארט, א קרעכץ; בעט פאר דיר און בעט פאר אלע אידישע קינדער. מען דארף אסאך בעטן פאר אידן, ווייל אידישע קינדער האבן זייער אסאך צרות, און מיר קענען דאס אוועק נעמען מיט אונזערע תפילות.

מוצאי שבת נאך מעריב קומט צו מיר צו א אינגערמאן און הייבט אן וויינען, און זאגט מיר אז מען האט אויסגעפונען אז זיין ווייב תחי׳ האט נעבעך די ביטערע מחלה ל״ע; מיר קענען איר געבן א רפואה שלימה, און מיר דארפן וויינען צום אייבערשטן אז אידישע קינדער דארפן זיין געזונט; מיר דארפן טענה׳ען מיטן אייבערשטן: **״רבונו של עולם, האב רחמנות אויף דיינע קינדערלעך; וויפיל אידן ליגן אין שפיטאל מיט ביטערע מחלות, וויפיל אידן מוטשען זיך צו קענען ברענגען פרנסה; הייליגע באשעפער, האב רחמנות אויף אלע אידן און לייז אונז אויס פון גלות; שיק אונז שוין משיח צדקינו״.**

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קכד): אויף דעם וואס חז״ל דרש׳ענען (פסחים קיט.): אויפן פסוק (תהלים ד, א): ״שִׁיר מִזְמוֹר לַמְנַצֵּחַ - זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ וְשָׂמֵחַ״, כִּי כְּשֶׁמְּדַבֵּר לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּמְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בִּטְעָנוֹת וּבַקָּשׁוֹת, רוֹצֶה לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כִּבְיָכוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ תַּעֲנוּג מִזֶּה, עַל כֵּן שׁוֹלֵחַ לוֹ

דִּבּוּרִים שֶׁיּוּכַל לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ כִּבְיָכוֹל, כְּדֵי לְקַבֵּל הַתַּעֲנוּג, כִּי בְּלֹא זֶה בְּוַדַּאי לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לְבָשָׂר וָדָם לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַצְמוֹ שׁוֹלֵחַ וּמַזְמִין לוֹ דִּבּוּרִים וּטְעָנוֹת לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ, דער אייבערשטער האט ליב ווען מען טענה׳עט זיך מיט אים, און מען איז אים מנצח, און דער אייבערשטער שיקט אריין גוטע ווערטער פארן מענטש וואס ער זאל קענען טענה׳ען מיט אים.

איך בעט דיר זיי פריילך מיט אלע דיינע כוחות, און דאנק דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט וואס ער גיבט אונז, מוהרא״ש ז״ל פלעגט שטענדיג חזר׳ן מיט אונז (מדרש שמואל על מס׳ אבות ד, ו) אז עשיר איז ר״ת ע׳יניים ש׳יניים י׳דיים ר׳גליים; אז מיר זענען רייך און מיר זענען גליקליך ווייל מיר האבן הענט, פיס, אויגן און ציינער.

נאכדעם וואס דער אינגערמאן האט מיר פארציילט אז מען האט זיך דערוואוסט אז זיין ווייב האט נעבעך די ביטערע מחלה ה״י, קומט צו צו מיר א צווייטער אינגערמאן און הייבט אן צו קרעכצן אז זיין ווייב ווארט נאכאמאל וכו׳, און זי ברעכט וכו׳; געב איך אים א זאג, דו ווייסט אז א מינוט צוריק זאגט מיר א אינגערמאן אז זיין ווייב האט נעבעך די ביטערע מחלה ל״ע, און דו זוכסט זיך פון אונטער דער ערד זאכן אויף וואס זיך אפצורעדן.

בכלל איז נישט דא קיין שום היתר צו מאכן א הפסקה וכו׳, נאר אז די ווייב איז שוואך און מען פרעגט א רב וכו׳, אבער עס איז נישט דא קיין שום היתר פאר א אינגערמאן צו מאכן א הפסקה וכו׳ נאר ווייל ער האט נישט קיין כח וכו׳, אדער ער וויל זיך אוועק לייגן געלט וכו׳, און זוהר הקדוש שטייט (תיקון ג׳ מהתיקונים האחרונים): ״חֲיֵּיכֹת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עַלְמָא, וּלְבָתַר קְטִילַת בְּהוֹן״, געלט לאכט צום מענטש אין די יונגע יארן און שפעטער הרג׳עט עס דעם מענטש; וואס בלייבט פונעם מענטש? דער מענטש לעבט זיך אפ די פאר יאר (איוב יד, א): ״קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז״, נאר דאס אז ער לאזט איבער א שטוב מיט קינדער און אייניקלעך ערליכע אידן, וואס וועלן ווייטער דינען דעם אייבערשטן - דאס בלייבט איבער. אזוי ווי חז״ל זאגן (בראשית רבה, סימן מט) אז ווען א מענטש לאזט איבער קינדער וואס דינען דעם

אייבערשטן, הייסט עס כאילו דער מענטש איז נישט געשטארבן, נאר עס איז אזוי ווי ער לעבט ווייטער.

איך וויל נישט אז דו זאלסט ארויס נעמען פון מיינע ווערטער אז מען קען נישט באקומען א היתר אויף דעם וכו׳, איך רעד יעצט ווען אינגעלייט קומען זיך אפרעדן אז זיי קענען נישט שלאפן שבת נאכמיטאג ווייל די קינדער טאנצן וכו׳, צו זיי רעד איך: ״דאס איז א רחמנות אז מען קען נישט שלאפן וכו׳?״ וואס טראכסטו ווי לאנג איז מען דא אויף דער וועלט? עס קומט א צייט וואס מען וועט זיך זייער גוט קענען אויסרוען; פארקערט, די אלע וואס האבן חתונה, און שטעלן אויף א ערליכע שטוב מיט קינדער, שפעטער ווען מען ווערט עלטער האט מען נחת, און דאס האלט דעם מענטש ביים לעבן. גיי אין שפיטאל קוק ווי אזוי די גוים ליגן דארט - ממש ווי העפטלינגען, און קיינער קוקט נישט אויף זיי. זאג מיר, ווען האסטו געזען א אלטע גוי וואס זיין קינד זאל אים העלפן? וואס בלייבט פונעם מענטש? נאר קינדער און אייניקלעך עובדי השם, וואס לערנען און דאווענען.

דערפאר בעט איך דיר, שטארק דיר, און דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט חתונה געהאט און דו האסט קינדער, און בעט פאר אידישע קינדער אז זיי זאלן נישט וויסן פון קיין צער, און ווען דיינע קינדער וויינען דאנק דעם אייבערשטן אז עס איז דא קינדער, ווייל וויפיל אידן וויינען טאג און נאכט צו קענען זוכה זיין צו האבן קינדער וואס וויינען און שפרינגען.

איך וואלט דיר געדארפט נאך אסאך שרייבן אין דעם ענין, נאר איך דארף ארײן לויפן צו מיינע טייערע בחורים וואס ווארטן אויף מיר; אויף זיי איז א רחמנות, ווייל זיי ווילן זיין ערליך, זיי ווילן חתונה האבן, און זיי שטייען און ווארטן אויף זייער גליקליכע טאג.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ב׳ פרשת נשא, ד׳ סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב הנאה צו הערן אז דו שטארקסט זיך מיט אמונה פשוטה, און אז דו פאלגסט דעם הייליגן רבינ׳ס עצות; בפרט די עצה וואס דער רבי האט אונז געגעבן פון התבודדות, אז א מענטש זאל זיך אויסשמועסן זיין הארץ מיטן אייבערשטן, און אים פארציילן אלעס וואס גייט איבער אויף אים. און ווען א מענטש געוואוינט זיך צו, צו רעדן צום אייבערשטן, האט ער אן אנדערע לעבן, ווייל ער לעבט מיט אמונה, און ער גלייבט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, און אז אלעס איז פאר זיין טובה.

זע ווייטער צו רעדן מיט ..., און דער עיקר זאלסטו רעדן פון אמונה און אמונת חכמים; ווייל אז מען האט אמונת חכמים - מען פאלגט דעם הייליגן רבי׳ן, באקומט מען אמונה אינעם אייבערשטן, און אז מען האט אמונה, איז דער גאנצער לעבן גאר אנדערש, מען איז קיינעם נישט מקנא און מען האט פון קיינעם נישט מורא, ווייל מען ווייסט אז קיינער קען מיר גארנישט טון - קיינער קען מיר נישט בעסער מאכן אדער ח"ו שלעכטס טון.

עס איז זייער נאריש נאכצולויפן א צווייטן; מען זעט אין יעדע סקול אז אין יעדע קלאס זענען דא אפאר מיידליך וואס אלע לויפן זיי נאך, מען מאכט א גאנצע געטשקע פון זיי. דאס איז זייער א נארישע זאך, ווייל אז מען לויפט נאך א צווייטן, ווייזט עס אז מען האט נישט קיין אמונה אינעם אייבערשטן. קוק וואס דער נביא זאגט (ירמיה יז, ז): "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה׳, וְהָיָה ה׳ מִבְטַחוֹ", וואויל איז פאר א מענטש וואס פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן, וועט אים דער אייבערשטער העלפן; און אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים ס, יג): "וְשָׁוְא, תְּשׁוּעַת אָדָם", א מענטש קען דיר נישט העלפן.

דערפאר געב איבער פאר אלע מיידלעך - אלע דיינע חבר׳טעס אז מען זאל נישט מאכן קיין מציאות פון א מיידל, נאר אלע דארפן זיין איינ׳ג; און אויב איינער גרויסט

זיך אויף א צווייטן, דארף מען אנטלויפן פון אזא מיידל; און מען דארף וויסן אז אויב א מיידל טשעפעט א צווייטן, וועט זי באקומען א עונש.

דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז נאך אביסל וועסטו טרעפן א גוטע שידוך, און דו וועסט זוכה זיין אויף צו שטעלן א שיינע שטוב, א בית נאמן בישראל; אבער געדענק גוט: ״לויף נישט נאך קיינעם״.

זע צו העלפן דיין מאמע, ווייל כיבוד אב ואם איז דער גרעסטער מצוה, חז״ל זאגן (תנא דבי אליהו רבה, סימן כ״ו): ״כָּל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם״, דער אייבערשטער זאגט: די גאנצע וועלט איז מיינס - איך האב עס באשאפן, איך בעט פון ענק נאר איין זאך, אז איר זאלט מכבד זיין טאטע מאמע.

דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט טרעפן בקרוב דיין שידוך, און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

א גוט יום טוב.

...

בעזהשי״ת - יום ב׳ פרשת נשא, ד׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך ווייס נישט צי איך זאל לאכן צו וויינען; וואו איז דיין שכל?! יעדן איינעם ביסטו מחזק חוץ דיינע אייגענע קינדער, איך פארשטיי דיר בכלל נישט. דו שרייבסט מיר אז דו האסט הנאה צו העלפן אידישע קינדער, און דו גייסט הפצה וכו׳, וויל איך דיר פרעגן: דיינע קינדער זענען נישט אידישע קינדער?!

אין אומאן איז געווען א גרויסע קריגעריי צווישן די מתפללים; א טייל האבן געהאלטן אז מען דארף דאווענען מער געלאסן - נישט מיט קולי קולות, נאכדעם איז געווען א איד ר׳ געצי וואס ער איז אריבער א שווערע נסיון וכו׳, און ער פלעגט שרייען מיט קולי קולות דאס דאווענען, און פארשטייט זיך אז מען האט אים געטשעפעט און גע׳רודפ׳ט, אזוי ווי עכטע ברסלב׳ע טשעפען וכו׳; איינמאל איז ער ארויף אויפן בימה און ער האט אויסגערופן: ״דער רבי זאגט אז מען דארף יעדן איינעם דן זיין לכף זכות, אויסער א ברסלב׳ער חסיד?! פארוואס איז מען מיר נישט דן לכף זכות?!״ האבן אלע אונזערע לייט זיך פארשעמט. דאס זעלבע פרעג איך דיר: ״וְלֹא תְּהֵא כּוֹהֶנֶת כְּפֻנְדָּקִית?״ מיט יעדן איינעם שמועסטו, יעדן איינעם נעמסטו ארום און דו צוקושסט אים, און וואס איז מיט אייגענע קינדער?!

עס איז טאקע דא א ווארט פון רבי׳ן אז א קינד קושט מען נישט, און א קינד שלאגט מען נישט; אבער קודם זיי מקיים די צווייטע האלב פון די שיחה און רצח׳ע נישט דיינע קינדער - וואס טראכסטו, אז דיינע קינדער דארפן נישט קיין חיזוק?! עָלַי קִלְלָתְךָ בְּנִי - אַךְ שְׁמַע בְּקֹלִי, אויף מיין אחריות זאג איך דיר אז דו מעגסט ארום נעמען דיינע קינדער און זיי געבן א קוש.

זיי נישט ברוגז אז איך שרייב דיר דאס, ווייל איך האב באקומען א בריוו פון דיין זון, וואו ער שרייבט מיר אפאר בלעטער ווייטאג פון אלע זיינע יארן, ווי עס טוט אים וויי צו זען ווי דו רופסט געסט יעדע שבת, און דו מאכסט זיך זייער בא׳טעמ׳ט, און דיינע אייגענע קינדער באקומען נישט קיין גוט ווארט. וויסן זאלסטו אבער אז דו קענסט נאך אלעס פארעכטן.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן צו): ״מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה״, ווער עס האט נישט קיין רחמנות אויף זיינע קינדער איז א סימן אז ער האט נישט קיין שכל. איך פרעג דיר: וואו איז דיין שכל? די אלע יארן וואס דו האלדזט מענטשן, בחורים און גרושים - יעדן וכו׳, ווער קוקט היינט אויף דיר? ווער זארגט פאר דיר? נאר דיין ווייב תחי׳ וואס זי איז דיר אזוי געטריי, און דיינע

קינדער וואס העלפן דיר; דו האסט מיר אליינס דערציילט אז דיינע קינדער העלפן דיר וכו׳.

איך זוך נישט אריין צו קריכן אין דיינע געשעפטן, אבער דו האסט מיר געבעטן איך זאל דיר שרייבן וואס דו קענסט זיך פארבעסערן, וועגן דעם שרייב איך דיר. מוהרא״ש ז״ל האט אמאל געשמועסט מיט מיר וועגן איינעם וכו׳, און מוהרא״ש האט מיר געוואלט מגדיר זיין אז יענער איז נישט געזונט, האט מוהרא״ש מיר געזאגט: ״ער האט נאך קיינמאל נישט געגעבן א קוש פאר זיינע קינדער״. מוהרא״ש האט אויך געוואוסט וואס דער רבי זאגט - אז קינדער איז גוט ווען מען טשעפטשעט זיך נישט מיט זיי, דאס מיינט אבער נאך נישט אז מען טאר נישט רעדן שיין צו קינדער.

זאלסט האבן א פרייליכן יום טוב.

...

בעזהשי״ת - יום ב׳ פרשת נשא, ד׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳**

קודם כל זייט מיר מוחל אז איך בין נישט אנגעקומען צו ענטפערן אייער טעקסט מעסעדזש; איר קענט מיר רופן ווען איר ווילט, און אויב איך בין נישט פארנומען וועל איך אויפהייבן.

מזל טוב פאר אייער ... תחי׳; דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט האבן נאר נחת ביי אלע אייערע קינדער. א גריס פון אייער ... - א לעכטיגע בחור קע״ה, ער פירט זיך אויף ווי א דערוואקסענער מענטש, פול מיט מידות טובות.

און אויך וויל איך אייך זאגן א גרויסער יישר כח פאר די מתנה וואס איר האט מיר געשיקט פאר מיין שמחה, עס מיינט פאר מיר אסאך, ווייל דורך א מתנה ברענגט דער מענטש ארויס אז ער האט הכרת הטוב.

איך האב זייער ליב ווען איר שרייבט מיר, אפילו איך קום נישט אן צוריק צו שרייבן; דאס איז ווייל איך קום נישט אן אפילו צו עסן און צו שלאפן, ווייל זייער אסאך מענטשן קלאפן אויף מיין טיר - צעבראכנע בחורים און יונגע פארפעלקער וכו׳, אבער יעדע בריוו וואס קומט אן צו מיר, ליין איך וכו׳.

איך האב א בקשה צו אייך, עס איז צו מיר געקומען היינט אויף דער נאכט ..., און ער האט מיר געבעטן אז איך זאל אים העלפן ווייל זיין ווייב האט אים איבערגעלאזט ל״ע; איך האב נישט צו לאנג גערעדט מיט אים, אבער דאס ביסל וואס איך האב מיט אים גערעדט זעט ער מיר ארויס צו זיין א וואוילער אינגערמאן. איך זע זיין פראבלעם אז ער איז צוריק געצויגן וכו׳, אבער דאס דארף נישט שטערן פארן טאג טעגליכן לעבן וכו׳, אדרבה, עס קען גאר זיין א מעלה ווען איינער איז צוריק געצויגן, ווייל אזוי פארברענגט ער נישט אינדרויסן וכו׳, ער זאגט מיר אז ער האט געהאט גוטע טעג מיט איר וכו׳; איך מיין אז משפחה האבן זיך דא ארײן געמישט און זיי העצן איר אויף קעגן אים.

דערפאר וויל איך אייך בעטן, מיר גייט אין לעבן צו מאכן שלום בית ביי זיי, בפרט אז זיי האבן שוין א קינד קע״ה, אבער ער זאגט מיר אז זי וויל בשום אין אופן נישט הערן פון מיר, ווייל זי האט געהערט אסאך לשון הרע אויף מיר וכו׳, וויל איך אייך בעטן ׳וְחָזַקְתָּ וְהָיִיתָ לְאִישׁ׳, אויב איר קענט רעדן מיט איר אליין אן קיין פארמיטלערס און פרובירן צו מאכן שלום בית; איר קענט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס דער שכר איז פאר א מענטש וואס איז עוסק אין שלום בית, ער ווערט צוגעגליכן צו די שכינה.

איך האלט אז אויב איר וועט רעדן צו איר מיט חכמה; איר מסביר זיין וואס דאס לעבן איז, אז דער עיקר דארף מען קוקן אויף זיך, און אויב מאן און ווייב פארטראגן זיך און מען לעבט בשלום איז מען זוכה צו האבן דורות ערליכע אידן.

איך מיין אז זי קוקט אים אן ווי א גולם קלאץ לגבי אירע ברודערס און שוואגערס, דארף מען מיט איר רעדן אז זי זאל נאר קוקן אויף אים, ווייל דער לעבן גייט נישט ווי אזוי מען וויל; איך קען זייער אסאך אינגעלייט וואס האבן נישט קיין טראפ

קאנפידענס (זעלבסט-זיכערקייט), און נאר אדאנק זייערע ווייבער וואס האבן נישט געקוקט אויף וואס יענער וועט זאגן, און וואס דער וועט זאגן, האבן זיי אויפגעבויעט א שיינע שטוב צוזאמען.

דערפאר מרת ... תחי׳, אויב איר קענט העלפן אייער ... וועט עס זיין אייער זכות, און איר וועט מקיים זיין וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם; איך בין אייך גרייט צו העלפן אויב איר דארפט מיין הילף, און איך וועל טון אלעס אויף דער וועלט צו העלפן אז נאך א שטוב זאל זיך בויען. מען קען יעדן איינעם העלפן אויב יענער איז מסכים, אבער אז דער משפחה קאכט און מען העצט איינער אויפן צווייטן, וואס קען מען טון? עס איז א שאד, ווייל יעצט קאכט מען און מען העצט, אבער אויב ח״ו מען וועט מאכן א גט, און עס וועט אריבער גיין א שטיק צייט, וועט יעדער וועט ווערן פארנומען מיט זיך, וועט זי בלייבן א גרויסע רחמנות. מען דארף שיין רעדן צו איר, אז דאס לעבן איז נישט ברודערס און שוועסטערס וכו׳ וכו׳.

איך האף אז איר וועט זיין דער ריכטיגער שליח מן השמים.

נאכאמאל, זייט מיר מוחל אז איך האב נישט געענטפערט וכו׳, און זייט מיך דן לכף זכות.

א גוט יום טוב.

...

בעזהשי״ת - יום ב׳ פרשת נשא, ד׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו שרייבסט מיר אז ביז לעצטענס ביסטו געווען א פיינער בחור, און אלע האבן דיר ארויפגעקוקט וכו׳, און יעצט האסטו זיך געקויפט א סמארטפאן און דורך דעם ביסטו אראפ געפאלן טיף טיף אין שאול תחתית, און דו ביסט נכשל געווארן מיט

הארבע עבירות רחמנא לצלן; דו שרייבסט מיר אז איך זאל דיר העלפן ארויס קריכן פון דיין בלאטע.

וויסן זאלסטו אז יעדער מענטש קען תשובה טון - נישט קיין חילוק ווי ווייט ער איז שוין פארקראכן; איך וואלט דיר געזאגט אז דו זאלסט אוועק ווארפן דיין סמארטפאן, ווייל דו דארפסט עס נישט האבן, און קוק צו וואס עס האט דיר צוגעברענגט. ליידער ביסטו נישט דער איינציגסטער בחור וואס שרייבט מיר אזא בריוו; איך באקום יעדן טאג בריוו פון צענדליגער בחורים און מיידלעך, וואו זיי וויינען צו מיר אז איך זאל זיי העלפן ארויס קריכן פון זייער בלאטע, זיי שרייבן מיר דעם זעלבן לשון וואס דו שרייבסט מיר, אז אינדרויסן מיינען אלע אז מיר זענען גוט וכו׳, אבער שטילערהייט זענען מיר פארדארבן, אזוי ווייט אז מיר ווילן זיך פשוט נעמען דאס לעבן רחמנא לצלן.

טייערע ברודער: איך בעט דיר זייער, מיין נישט אז דער אייבערשטער איז ברוגז אויף דיר און ער וויל דיר נישט צוריק נעמען; דער אייבערשטער נעמט צוריק יעדן איינעם, אזוי ווי חז״ל זאגן (יומא פו.): ״גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד״, תשובה איז אזוי גרויס, אז ווען א מענטש טוט תשובה, ער איז זיך מתודה פארן אייבערשטן שטייט ער פארן כסא הכבוד; נאך זאגן חז״ל (ברכות לד:): ״בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד״, א בעל תשובה איז מער חשוב ביים אייבערשטן ווי גרויסע צדיקים.

נאך זאגן חז״ל (פסיקתא דרב כהנא): ״גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד״, תשובה איז אזוי גרויס, אז ווי נאר א מענטש טראכט נאר פון תשובה - ער וויל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, קומט ער גלייך אן צום כסא הכבוד.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט ׳התבודדות׳; אז א מענטש זאל גיין אין א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און זיך אויסרעדן זיין הארץ

צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן ע) אז ווען א מענטש רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, קומט דער אייבערשטער כביכול און שטייט קעגן דעם מענטש, און הערט אויס וואס ער רעדט. און ווען א מענטש פארציילט אלעס פארן אייבערשטן, און איז זיך מתוודה פאר אים, דעמאלט נעמט אים דער אייבערשטער צוריק אן.

דער רמב״ם שרייבט (פרק א׳ מהלכות תשובה, הלכה א׳): ״וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח״, ווער עס איז זיך מתוודה, און ער פארמערט זיך אויסצורעדן זיין הארץ פארן אייבערשטן, דער מענטש איז געלויבט.

מאך זיך א שיעור אין משניות; יעדן טאג זאלסטו זאגן פרקים משניות, אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, דאך זאלסטו זאגן פרקים משניות יעדן טאג, און דאס וועט דיר ארויס נעמען פון דיין בלאטע, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן יט): ״שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה - ער טוט עבירות רח״ל, און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג ״כך וכך״, וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט דאס געזאגט, האט ר׳ נתן געפרעגט דעם רבי׳ן: ״צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפ געפאלן אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רח״ל״, האט דער רבי געשריגען אויף אים, און געזאגט: ״דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז?! תורה איז העכער פון אלעס! און אפילו א מענטש וואס ווייקט זיך אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע

לבטלה רח״ל, אויב וועט ער לערנען יעדן טאג ׳כך וכך׳, וועט ער ווערן אן ערליכער איד.

איך מיין אז איינמאל מען הערט אזא שיחה פון רבי׳ן, איז שוין ביטול הבחירה; ווייל וואו דער ס״מ זאל דיך נאר ארייןווארפן, און וואס עס זאל נאר איבער גיין אויף דיר, האסטו שוין א וועג פון רבי׳ן ווי אזוי מען קען ארויס גיין פון דארט.

זע צו גיין אין שול דריי מאל א טאג, און טו אן תפילין; חז״ל זאגן (מדרש ויקרא רבה פרשה כ״א, סימן ה׳): אויפן פסוק (משלי כד, ו): ״וּבְתַחְבֻּלוֹת עֲשֵׂה מִלְחָמָה״ - קריג זיך מיטן יצר הרע מיט חכמה, רבי נתן ורבי אחא בשם רבי סימון: ״אם עשית חבילות חבילות של עבירות, עשה כנגדן חבילות חבילות של מצות, אויב האסטו געטון אסאך עבירות רח״ל, טו אסאך מצות קעגן דעם, למשל: ׳עינים רמות׳, האסט נישט געהיטן די אויגן? ׳והיו לטוטפות בין עיניך׳, לייג תפילין העכער די אויגן; ׳לשון שקר׳, האסט גערעדט אסאך ליגנט? ׳ולמדתם אותם את בניכם׳, לערן די הייליגע תורה; ׳ידיים שופכות דם נקי׳, האסט געטון עבירות מיט די הענט? ׳וקשרתם לאות על ידך׳, טוה אן תפילין אויף די הענט; ׳לב חורש מחשבות און׳, האסט געטראכט שמוציגע געדאנקען? ׳אשר אנכי מצוך היום על לבבך׳; ׳ורגלים ממהרות לרוץ לרעה?׳ - ׳הוי רץ אחר מילה שנתנה בין ברכים׳״; זעט מען אז אפילו א מענטש טוט נעבעך עבירות, דאך איז דא אן עצה אלעס צו פארעכטן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן קיב): ״אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן״, אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכטס, גלייב אז דו קענסט פארעכטען; איך בעט דיר טייערע ברודער, פארליר זיך נישט, און זאלסט וויסן אז דו קענסט נאך האבן א שיינע זיסע לעבן, אזוי ווי אמאל.

חז״ל פארציילן (עבודה זרה יז.) אז עס איז געווען א מענטש וואס האט געהייסן רבי אלעזר בן דורדיא; ער האט געטון זייער אסאך עבירות, עד כדי כך אז חז״ל זאגן אויף אים אז ער האט נישט איבערגעלאזט קיין איין עבירה וואס ער זאל נישט טון רחמנא לצלן. איינמאל האט ער חרטה געהאט און ער האט געוואלט תשובה טון, ער איז ארום

געלאפן צו יעדן איינעם און געבעטן מען זאל אים העלפן, אבער יעדער האט אים אוועק געשטופט און קיינער האט אים נישט געוואלט העלפן.

ווען ער האט געזען אז קיינער קען נישט און וויל אים נישט העלפן, איז ער געגאנגען און ער האט זיך אוועק געזעצט און איינגעבויגן זיין קאפ צווישן זיינע פיס, און ער האט אנגעפאנגען זייער שטארק צו וויינען; אזוי איז ער געזיצן מיט אן איינגעבויגענעם קאפ פאר א לאנגע צייט און געוויינט, און געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל תשובה טון, ביז ער איז געשטארבן, איז ארויס א בת קול: "רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן דּוּרְדַיָא מְזוּמָן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא", דאס הייסט, אז מען האט אן גענומען זיין תשובה. זאגט די גמרא "בָּכָה רֶבִּי וְאָמַר", רבינו הקדוש האט געוויינט און געזאגט: "יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת", קוק צו וואס א מענטש קען זוכה זיין אין איין מינוט - אז ער טוט תשובה; זעט מען פון דעם צו וואס א מענטש קען זוכה זיין ווען ער וויינט זיך אויס צום אייבערשטן, און ער זאגט: **"רבונו של עולם, איך וויל תשובה טון; איך האב געטון אסאך נארישקייטן אין מיין לעבן, און איך בין זייער ווייט פארקראכן, אבער איך וויל זיך צוריק קערן צו דיר. רבונו של עולם, איך מאך אפ יעדן טאג ביי מיר אז איך גיי שוין מער נישט צוריק גיין צו מיינע נארישע מעשים, און יעדעס מאל פאל איך נאכאמאל אראפ, העלף מיר!"** אזוי זאלסטו יעדן טאג זאגן פארן אייבערשטן, און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, וועט דיר דער אייבערשטער צוריק נעמען, און דו וועסט אויסמעקן דיינע זינד.

זע צו זאגן אביסל תהילים יעדן טאג; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב' סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל תשובה טון זאל זאגן תהילים. אויך זע עוסק צו זיין אביסל אין הפצה; רעד צו נאך א בחור פונעם הייליגן רבי'ן, ווייז פאר נאך א בחור א שיעור וואס מען הערט דארט חיזוק וכו' וכו'.

מען זעט אז רחב האט געבעטן דעם אייבערשטער (רש"י, יהושע ב, טו): "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בְּאֵלּוּ חָטָאתִי, בְּאֵלּוּ תִּמְחוֹל לִי"; זי האט ארויף געשלעפט די מרגלים וואס

יהושע בן נון האט געשיקט קיין ארץ ישראל מיט די זעלבע שטריק וואס זי פלעגט ארויף שלעפן מענטשן צו זיך אין שטוב צו טון מיט זיי עבירות, און ווען זי האט תשובה געטון האט זי געזאגט פארן אייבערשטן: ״רבונו של עולם, מיט דעם זעלבן שטריק וואס איך האב געזינדיגט, מיט דעם זעלבן שטריק טו איך תשובה״; דאס זעלבע זאלסטו טון, אז דו פלעגסט ווייזן פאר דיינע חברים שמוציגע מאוויס וכו׳, זאלסטו זיי ווייזן ערליכע דיבורים וואס ברענגען צוריק צום אייבערשטן; דאס איז דער גרעסטער תשובה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, סימן מא): ״תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, עס איז א תיקון פאר פגם הברית אז מען זאל צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטער.

עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך פון דעם, ווי צוריקברענגען מענטשן צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת תרומה דף קכ״ח) אז א מענטש וואס ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין וואו קיין שום מענטש איז נישט זוכה אנצוקומען. דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט, און ער מאכט אז דעם אייבערשטנס נאמען ווערט געהייליגט אויף דער וועלט. דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות, און ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקליך; און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. קיינער קען אים נישט שלעכטס טון - נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, ער גייט ארויף אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט טרעפן דיין שידוך בקרוב, און אויפשטעלן א ערליכע שטוב, א בית נאמן בישראל; אמן.

...

בעזהשי״ת - יום ב׳ פרשת נשא, ד׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו האסט מסיים געווען דאס ערשטע מאל אין דיין לעבן 'ששה סדרי משנה'; דער חיד"א ז"ל ברענגט בשם מדרש תלפיות: "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מֵנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם", אז ווען א מענטש קומט ארויף אויבן אין הימל, קומען די מלאכי חבלה און ווילן אים אריין שלעפן אין גיהנום, הייבט דער מענטש אן צו שרייען צו אלע צדיקים, ער שרייט: "אברהם אבינו ראטעווע מיר, יצחק אבינו ראטעווע מיר, יעקב אבינו ראטעווע מיר", אבער קיינער ענטפערט אים נישט; נאכדעם שרייט ער: "ראובן, שמעון, לוי", ביז ער קומט אן צו אשר בן יעקב. אשר פרעגט דעם מענטש צי ער האט געלערנט משניות, אויב ענטפערט ער 'יא', נעמט ער אים אריין אין גן עדן; דער חיד"א טייטש מיט דעם דער פסוק (בראשית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' איז די אותיות פון 'משנה', "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", און ער וועט אים געבן גן עדן, זעט מען דאס גרויסקייט פון משניות.

חז"ל זאגן (ויקרא רבה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת, אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת", משיח וועט קומען נאר בזכות וואס מען לערנט משניות; נאך זאגן חז"ל (סנהדרין מב.): "בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה", מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואסערע כח משניות האט, און וואס עס טוט פארן מענטש.

מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען (תהלים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", וואס דאס איז ר"ת 'משנה', ווייל אז א מענשט זאגט משניות נעמט עס ארויס דעם מענטש פון שואל תחתיות.

דער באר היטב, אינעם ערשטן סימן אין שולחן ערוך, הלכות השקמת הבוקר (סעיף קטן ו), ברענגט אראפ פונעם אר"י הקדוש, וזה לשונו: וְכָתַב הָאֲרִ"י זַ"ל: וְשִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת קוֹדֶם לְכָל דָּבָר, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִנְשָׁמָה, כִּי "מִשְׁנֶה" אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי, זאל מען לערנען דער ערשטער שיעור אין משניות, ווייל דורך משניות איז מען זוכה צו א ריינע נשמה.

דו האסט מיר געבעטן אז איך זאל דיר שרייבן אפאר ווערטער לכבוד דיין ערשטער סיום; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט שטענדיג זיין צוגעבינדן צו די הייליגע תורה, און זיין אייביג פריילִיך.

בנוגע וואס דו פרעגסט מיר, אויב מען האט פארגעסן איין טאג צו ציילן ספירת העומר, צי מען קען ווייטער ממשיך זיין ציילן מיט א ברכה; דער הייליגער קאמארנער זי״ע ברענגט אז מען קען ווייטער ציילן מיט א ברכה; ער פסק׳נט אז יעדן טאג איז א באזונדערע מצוה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו קבלת התורה מיט שמחה.

א פריילִיכן יום טוב.

...

בעזהשי״ת - יום ב׳ פרשת נשא, ד׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב הנאה געהאט צו ליינען דיין בריוו וואו דו שרייבסט מיר אז דו לערנסט יעדן טאג א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא; מוהרא״ש ז״ל זאגט אז א מענטש וואס לערנט די דריי לימודים בויעט זיך א ׳בית נצחי׳, בי״ת איז ראשי תיבות: ״ב׳בלי י׳רושלמי ת׳וספתא״. מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, יעדער איינער וויל האבן א אייגענע הויז; מענטשן מוטשען זיך, מען לייגט אוועק געלט, און מען נעמט ארויס הלוואות - אבי צו האבן א אייגענע הויז, פארוואס זאל א מענטש נישט וועלן האבן א ׳בית נצחי׳ - אן אייביג הויז וואס וועט אים בלייבן אויף יענע וועלט?! ווען מען גייט אוועק פון דער וועלט בלייבט גארנישט איבער פונעם מענטש, נאר דאס ביסל תורה ותפילה וואס דער מענטש האט אריין געכאפט אויף דער וועלט, אזוי ווי

חז״ל זאגן (אבות ו, ט): ״אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד״.

דערפאר האב איך הנאה אז דו שטארקסט זיך און דו לערנסט יעדן טאג דיינע שיעורים אויפן סדר דרך הלימוד; בפרט א אינגערמאן וואס איז ארויס פון ישיבה, און ארבעט ביטער שווער צו ברענגען פרנסה, מיט דעם אלעם כאפט ער אריין אביסל תורה - דאס איז מורא׳דיגע חשוב ביים אייבערשטן.

שטארק דיך און פארליר זיך נישט, דער אייבערשטער וועט דיר העלפן; דער אייבערשטער ברענגט א צרה אויפן מענטש נאר צו זען צו וועמען דער מענטש וועט זיך ווענדן, און צו דער מענטש וועט זיך פארלירן.

שטארק דיך און ווער נישט צעפאלן, דער אייבערשטער איז א כל יכול און ער וועט שיקן א רפואה שלימה פאר דיין ... תחי׳. איך בעט דיר פארליר זיך נישט, און זיי איר מחזק.

איך האב שוין געהייסן דרוקן צוויי בענדער ׳אשר בנחל׳ פאר איר זכות; און עס איז כדאי אז דו זאלסט זיך מזכיר זיין ביי די מפיצים, ווייל זיי זענען די צדיקי הדור. ווער איז א צדיק? און וואס איז א צדיק? איינער וואס עס גייט אים אין לעבן אז נאך א איד זאל זיין דבוק צום אייבערשטן, און ער קוקט גארנישט אויף זיינעט וועגן.

מוהרא״ש ז״ל האט מיר כמה פעמים געזאגט: ״אויב איז דא א צדיק אין אונזער דור איז עס ר׳ נתן ני״ו״; און דאס גייט ארויף אויף יעדן מפיץ, א אינגערמאן וואס איז זיך מבזה פאר כבוד שמים, ער קוקט נישט אויף זיין כבוד, און ער גייט ארום אין די גאסן - אין הייזער און אין שטובער טיילן ספרים און קונטרסים, פון אים דארף מען נעמען א ברכה. אז דו ווילסט וועל איך דיר געבן זיין טעלעפאן נומער, רוף אים אן און זיי זיך מזכיר ביי אים, וועסטו זען ניסים ונפלאות.

ברודער, איך האב א גאנצע נאכט געוויינט צום אייבערשטן פאר דיר; זארג נישט, דער אייבערשטער וועט דיר העלפן. דער עיקר זאג פארן אייבערשטן: ״איך האב נישט

קיין קשיות אויף דיר, איך האב דיר ליב אייבערשטער, איך בעט דיר, העלף מיר אז מיין ... זאל האבן א רפואה שלימה״.

איך ווארט אז דו זאלסט מיר מבשר זיין גוטע בשורות.

...

בעזהשי״ת - ערב חג השבועות, ה׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר גייען שוין מקבל זיין די הייליגע תורה; וויסן זאלסטו אז היינט נאכט איז זייער א גרויסער נאכט, דערפאר זאלסטו זען צו בלייבן אויף.

עס שטייט אין זוהר הקדוש (הקדמה ח.) אז רבי שמעון בר יוחאי איז אויפגעווען שבועות א גאנצע נאכט מיט זיינע תלמידים, און מען האט געלערנט תורה נביאים וכתובים - פון יעדע פרשה דער ערשטער פסוק און דעם לעצטן פסוק, און אזוי אויך ביי יעדע ספר פון נביאים וכתובים דער ערשטער פסוק און דעם לעצטן פסוק, און אזוי אויך האט ער זיי מעורר געווען אז זיי זאלן לערנען די תרי״ג מצוות, און רבי שמעון בר יוחאי איז געווען זייער פריילך, און ער האט זיי געבענטשט אז זיי זאלן זוכה זיין צו קבלת התורה.

דערפאר דארפן מיר אויך אויף בלייבן שבועות ביינאכט, און זאגן דעם תיקון ליל שבועות, און עס נעמט נישט לאנג; מיר האבן געדרוקט דעם תיקון ליל שבועות אזוי ווי מוהרא״ש ז״ל האט אונז געהייסן. נאר דעם ערשטן פסוק און דעם לעצטן פסוק פון יעדע סדרה און פון יעדע ספר, און נאכדעם לערנט מען די תרי״ג מצוות. און אז עס בלייבט איבער צייט, איז מען זיך מתבודד; מען בעט דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו לערנען א גאנץ יאר שיעורים אין כל התורה כולה, און זיין דבוק צו אים.

פארן עלות השחר זאלסטו גיין אין מקוה; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", ווען מען טובל'ט זיך אין מקוה יום טוב שבועות פארן עלות השחר, איז מען זוכה ממשיך צו זיין גרויסע ישועות; מען באקומט שכל, און מען איז זוכה צו גאר גרויסע זאכן.

דערפאר, נאכן ענדיגן דעם 'תיקון ליל שבועות' זאלסטו לויפן אין מקוה זיך טובל'ן בתמימות ובפשיטות; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס עס מיינט שער החמישים און דו ווייסט גארנישט וכו'. ווייל דער תיקון געשעהט פון זיך אליין, צו מען פארשטייט יא, צו מען פארשטייט נישט, דו גיי אין מקוה 'על דעת כל הצדיקים, ועל דעת רבינו נחמן מברסלב, ותלמידיו הקדושים'.

שבועות ביינאכט איז זייער א גרויסער נאכט, און מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו שמועסן ביינאכט, ווייל עס איז זייער א גרויסע נאכט, און מען קען פועל'ן אסאך ישועות; איך זאג פאר די בחורים אז אויב זיי בלייבן אויף סתם צו רייכערן און שמועסן איז א גרעסערע תיקון אז זיי זאלן גיין שלאפן, ווייל דער ערגסטער עבירה איז צו בטל'ן צייט, אזוי ווי חז"ל זאגן (כתובות נט:): "הבטלה מביאה לידי זימה ולידי שעמום", אז מען בטל'ט צייט קומט מען נאכדעם צו, צו טון עבירות און צו ווערן דיפרעסט.

נאכדעם זאלסטו גיין דאווענען שחרית ותיקין, אדער גיין שלאפן און דאווענען שפעטער; איך ווען די יאר נישט דאווענען ותיקין ווייל מיין ווייב תחי' איז א קימפעטארן און זי דארף מיין הילף; מוהרא"ש ז"ל האט מיר אויסגעלערנט אז דער אייבערשטער איז אויך אין שטוב, אבער דו זאלסט ווייטער דאווענען ותיקין און זיין פרייליך אז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן אז מיר ווייסן פונעם הייליגן רבי'ן, און מיר פאלגן זיינע עצות, בפרט אז מיר לערנען תורה א גאנץ יאר.

שטארק דיר און שטארק דיין ווייב; פארגעס נישט אז עס איז א מצוה פרייליך צו מאכן די ווייב, אזוי ווי חז"ל זאגן (קידושין לד:): "אשה - בעלה משמחה", און דער יצר

הרע פארלייגט זיך זייער צו מאכן א פירוד צווישן מאן און ווייב; אבער איך בעט דיר זייער אז דו זאלסט האבן סבלנות, און זיך איינהאלטן מיט אלע דיינע כוחות איר צו מחזק זיין, און איר צו העלפן.

עס זענען דא אינגעלייט וואס האבן נישט קיין שכל, און זיי מיינען אז מען קען טשעפען א ווייב; זיי זענען פארנומען צו טון חסד מיט חברים וכו׳, אבער אין שטוב לייגט ער נישט צו די הענט אין קאלט וואסער. אודאי דארף מען טון חסד מיט אנדערע מענטשן, אבער דאס טאר נישט זיין אויפן ווייב׳ס חשבון, נאר חסד הייבט זיך אן אין שטוב.

זאלסט גוט געדענקען וואס מוהרא״ש ז״ל פלעגט שטענדיג זאגן: ״א מענטש האט נישט קיין חברים, אויב יא איז דער ווייב דער ערשטער״; ווייל אלע חברים זענען נאר חברים ווי לאנג זיי קענען האבן א טובת הנאה פון דיר, אבער ווען דו וועסט זיין אין א צרה וועט קיינער נישט קוקן אויף דיר.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן רסג): ״דער יצר הרע פרובירט אויף אלע וועגן אז א קאפל זאל זיך צעטיילן, ווייל אן א ווייב האט מען נישט קיין שמירה; דער יצר הרע לאקערט אויף יונגע פארפעלקער זיי צו צעטיילן, און אזוי כאפט ער זיי אריין אין שמוציגע עבירות״; איך בעט דיר זייער שטארק אז זאלסט נישט אריין ברענגען ביי דיר אין שטוב קיין קאמפיוטער, אדער אייפאד; אייפעד; סמארט פאון; ווייל דאס מאכט חרוב אידישע שטובער, און צענדליגער טויזענטער שטובער זענען שוין חרוב געווארן פון אינגעלייט אויבער חכמים וואס זיי האלטן אז זיי פארשטייען בעסער ווי אלע ערליכע אידן, און אלע גרויסע רבנים; און נאכדעם זענען זיי געבליבן בערום ובחוסר כל.

דער רבי האט אמאל געזאגט פאר ר׳ נתן: ״ס׳איז דא מענטשן וואס ווען זיי זעען נאר א פרויען טיכל, באקומען זיי שוין שלעכטע מחשבות״; זעט מען ווי שטארק דער רבי האט מקפיד געווען אז מען זאל האבן ריינע מחשבות.

דער רבי האט געזאגט: "ס'האט א פנים אז מען דארף זיך זייער היטן פון א הרהור"; שטעל דיך פאר ווען דער רבי לעבט היינט, וואס וואלט דער רבי געזאגט וועגן א סמארטפאן; אויב א פרויען טיכל האט דער רבי נישט געוואלט מען זאל לייגן אויפן וואנט וכו', ווייל מענטשן קענען נכשל ווערן און האבן שלעכטע מחשבות, וואס וואלט דער רבי געזאגט וועגן א סמארטפאן?!

יעצט שבועות מאך דיר א חשבון צי עס ברענגט דיר יראת שמים; מאך דיר א חשבון צי עס מאכט דיך מער געטריי צו דיינע קינדער; צי עס מאכט דיר מער אינטערעסירט אין דיין ווייב; שמועס עס אויס מיטן אייבערשטן. פרעג דיך אליין בשעת ווען דו מאכסט התבודדות צי עס העלפט דיר פאר דיין לעבן, אדער עס שניידט שטיקער פון דיין ערליכקייט.

היות אז מיר האבן מקבל געווען בשעת קבלת התורה ערבות פאר א צווייטן איד - כל ישראל ערבים זה לזה, זאלסטו זיך פארנעמען עוסק צו זיין אין הפצה, און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און די קונטרסים וואס מוהרא"ש ז"ל האט געשריבן, וואס דאס איז ארויס גענומען פון רבינ'ס ספרים אויף א גרינגערע שפראך, אז מיר פשוט'ע מענטשן זאלן דאס פארשטיין, און מיר זאלן אויך זוכה זיין צו קענען צו קומען צו אלע מדריגות.

א גוט יום טוב.

...

בעזהשי"ת - ערב חג השבועות, ה' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

מיר שטייען יעצט ערב יום טוב שבועות, דארפסטו זיין זייער פרייליך ווייל אויך די פרויען זענען געשטאנען ביים בארג סיני און מקבל געווען די תורה; מען זעט ביי מתן תורה האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל קודם גיין צו די פרויען און נאכדעם צו די מענער, אזוי ווי עס שטייט (שמות יט, ג): "כֹּה תֹאמַר לְבֵית

יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל; זאגט רש״י, לְ״בֵית יַעֲקֹב״ - אֵלּוּ הַנָּשִׁים, ״וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל״ - עוֹנָשִׁים וְדִקְדּוּקִין, פָּרֵשׁ לִזְכָרִים דְבָרִים הֲקָשִׁין כְּגִידִין; פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן זאגן קודם פאר די פרויען און נאכדעם פאר די מענער? ווייל אז די פרוי איז גוט צו איר מאן דעמאלט קען מען רעדן צום מאן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: ״מיט איין זאך איז מיר געראטן, אז מיין ווייב איז געווען מיט מיר״.

ווייל ווען דער הייליגער רבי האט חתונה געהאט - אין דעם טאג פון זיין בר מצוה, האט ער געבעטן זיין ווייב אז זי זאל אים צו זאגן אז זי וועט זיין מיט אים, און אים העלפן צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, און זי איז א גאנץ לעבן געווען מיטן רבי׳ן, עד כדי כך, אז דער רבי האט געזאגט: ווען איך זאל וויסן דאס גרויסקייט פון זיווג ראשון וואלט איך געטון אלעס אין דער וועלט אז זי זאל לעבן, איך וואלט געזאגט ״זאלסטו קרענקן, און לעבן זאלסטו״, ווייל זי איז געווען זייער קראנק א לאנגע צייט.

דער בעל שם טוב האט געזאגט: ווען איך וואלט ווען געהאט מיין ערשטע ווייב, וואלט איך ארויף לעבעדיגערהייט אין הימל אינמיטן טאג, אזוי ווי אליהו הנביא איז ארויף לעבעדיגערהייט אין הימל; און איך וואלט ארויף אין הימל אינמיטן די גאס אין מעזשיבוזש, נישט אזוי ווי אליהו הנביא וואס איז ארויף אין הימל לעבעדיגערהייט אין מדבר. ווייל אז א מענטש איז זוכה און זיין ווייב העלפט אים צו דינען דעם אייבערשטן, קען ער זוכה זיין צו זייער גרויסע זאכן.

דערפאר זאלסטו זען זיך איבערצובעטן מיט דיין מאן; מאך דיר א חשבון, אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א געטרייע מאן, און דו האסט שוין קינדער מיט אים, פארוואס זאלסטו לאזן דער ס״מ זאל מאכן מחלוקת צווישן דיר און אים; דער רבי זאגט (ספר המדות, אות מריבה, סימן סו): ״בְּמָקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן״, דארט וואו מען קריגט זיך דארט איז דער שטן. פארוואס זאלסטו טראכטן ׳א שאד איך האב באקומען דעם מאן׳, ׳א שאד אז איך האב מיט אים חתונה געהאט׳; טראכט נישט קיין איין מינוט אז א צווייטער מאן וואלט געווען בעסער פאר דיר, ווייל דער אייבערשטער פירט דער וועלט, און אז ער האט דיר געגעבן דעם מאן איז ער דאס בעסטע פאר דיר.

אנשטאט זיך אויפצועסן לעבעדיגערהייט, נעם א תהילים און וויין דיך אויס צום אייבערשטן, בפרט יעצט ווען מיר שטייען פאר אזא הייליגע יו״ט; יום טוב שבועות איז דער יארצייט פון דוד המלך, יעצט איז א צייט וואס דו זאלסט זיך פארנעמען צו זאגן יעדן טאג דעם יום תהילים, און זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אייבערשטן. ווען מען זאגט תהילים קען מען פועל׳ן גרויסע ישועות - סיי פאר דיר אליין, סיי פאר דיין מאן און פאר דיינע קינדער, און פאר אלע אידן. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס איך הער אלץ צוזאם אין איין טאג; א אינגערמאן קומט צו מיר וויינען אז מען האט אנדעקט ביי זיין ווייב תחי׳ די ביטערע מחלה רחמנא לצלן; א אינגערמאן קומט צו מיר וויינען אז זיין ווייב האט אים איבערגעלאזט, א טייערע אינגערמאן וואס עס פעלט אים גארנישט, נאר מען האט אויפגעהעצט זיין ווייב קעגן אים.

אנשטאט זיין ווייב זאל האבן שכל, און טראכטן אז די אלע פרענדס וואס העצן וכו׳, זיי וועלן נישט קוקן אויף מיר ווען איך וועל בלייבן אליין מיט מיינע קינדער, נאר יעדער וועט אהיים גיין צו זייער שטוב, און איך וועל בלייבן אליין.

א צווייטער אינגערמאן וויינט צו מיר אז זיין ווייב וויל נישט האבן קיין שום שייכות וכו׳, ווייל מען האט איר געטשעפעט ווען זי איז געווען א מיידל, און דאס האט איבערגעלאזט אויף איר א שרעקליכע ברי, אז זי קען נישט נעמען דאס גאנצע ענין פון בינה לבינו - אזאנס און נאך דארף איך הערן יעדן טאג.

דערפאר בעט איך דיר, אנשטאט זיך אויפצועסן, זיך באשולדיגן און זיך אראפ קלאפן, הייב דיך אויף און גיס דיר אויס דיין הארץ צום אייבערשטן; און אויב דו קומסט נישט אן צו זאגן יעדן טאג תהילים ווייל דו ביסט פארנומען מיט די שטוב ווירטשאפט - זאלסטו רעדן צום אייבערשטן, ווייל רעדן צום אייבערשטן איז אזוי ווי מען זאגט תהילים. אבער אז מען וויל איז דא צייט, מען דארף נישט זאגן דעם ׳יום תהילים׳ בנשימה אחת, נאר מען קען עס צוטיילן, און אויב דארף מען אויסרעדן אינמיטן צו די קינדער מעג מען אויסרעדן.

איך האף אז דו ועסט אריין נעמען מיינע ווערטער וואס איך שרייב דיר; איך וויל נאר אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן. גלייב מיר, עס איז נישט דא וועם צו מקנא צו זיין, יעדער איינער האט זיך זיין פעקל צרות, אפילו מען זעט עס נישט פון אינדרויסן. א נאר קוקט אויף א צווייטן, און א טיפש מיינט אלעמאל אז יענער וועט אים עפעס אוועק נעמען. א קליין קינד קריגט זיך מיט א צווייטן ווייל ער מיינט אז דער אנדערע נעמט עפעס אוועק פון אים; האסט שוין געזען אמאל ווי אזוי א קו טרינקט וואסער פון א טייך? עס איז זייער אינטערסאנט צו זען, ווען א קו טרינקט וואסער שפיגלט זיך אפ זיין פנים אינעם וואסער, און דער קו מיינט אז איינער וויל אים אויסטרינקען די וואסער, הייבט ער אן צו קאפענען און שטויסן, אבער וואס געשעהט? דאס וואסער ווערט שמוציג פון דעם וואס ער שטויסט, און אזוי זעט ער זיך מער נישט זיך אינעם שפיגל, ממילא ווערט ער רואיג, אבער ער טרינקט שמוציגע און שלעכטע וואסער.

דאס זעלבע איז מיט א מענטש; ער מיינט אז א צווייטער וויל אים אויסטרינקען זיין לעבן, הייבט ער אן צו קאפענען און שטויסן, אבער ער כאפט נישט אז ווען מען שטויסט, שטויסט מען זיך אליין, אבער א מענטש וואס לעבט מיט אמונה ווייסט אז קיינער קען אים נישט אויסטרינקען זיין לעבן וכו׳, און קיינער קען אים נישט צונעמען וואס איז אים באשערט. פארקערט, א מענטש מיט אמונה איז פרייליך און ער פארגינט פאר יעדן איינעם; א מענטש וואס לעבט מיט אמונה איז אים ליכטיג, ביי אים איז יעדן טאג א שיינע לעכטיגע טאג, אפילו עס איז פארוואלקענט אינדרויסן, און עס רעגנט און עס גיסט, ביי אים שיינט די זון יעדן טאג. ער זינגט צו זיך אמונה, ער זינגט ״כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי״, אז איך בין אראפגעפאלן שטעל איך מיך אויף, ״כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ״, אז איך זיץ אין די פינסטערניש - ״ה׳ אוֹר לִי״, דער אייבערשטער איז מיין ליכט; דער אייבערשטער מאכט ליכטיג פאר א מענטש, אפילו עס זעט אויס ווי עס איז מיר עק וועלט, פארליר איך מיך נישט, ווייל - ״ה׳ אוֹר לִי״.

דערפאר, שטארק דיך און הייב אן זאגן אביסל תהילים יעדן טאג אויף א סדר; אויב דו קענסט זאגן יעדן טאג דעם יום תהילים און ענדיגן יעדע וואך דעם ספר תהילים - אשריך ואשרי חלקך, און אז דו קענסט נישט זאגן אסאך, געדענק וואס דער

רבי האט געזאגט פאר ר׳ נתן: ״מעט גם כן טוב״ - ״אביסל איז אויך גוט״; זאג אביסל יעדן טאג. אויך זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ פארן אייבערשטן אויף דיין שפראך, ווייל דער אייבערשטער האט זייער ליב ווען א מענטש רעדט צו אים, און טענה׳ט זיך מיט אים; בפרט ווען א פרוי צינדט אן די ליכט לכבוד שבת ולכבוד יום טוב, דעמאלט איז אפן אלע טירן, און אלע תפילות ווערן אנגענומען ביים אייבערשטן.

דער הייליגער ר׳ נתן האט געבעטן זיינע טעכטער און שנירן, אז ווען זיי צינדן אן די שבת ליכט זאלן זיי בעטן דעם אייבערשטן: ״רבונו של עולם, אזוי ווי איך צינד אן די ליכט און איך מאך ליכטיג די שטוב, זאלסטו אנצינדן דעם רבינ׳ס ליכט אויף די גאנצער וועלט, אז עס זאל ווערן פאר יעדן ליכטיג, און יעדער איינער זאל שפירן דעם אייבערשטן״.

אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן: ״רבונו של עולם, אזוי ווי איך צינד אן די ליכט און איך מאך ליכטיג די שטוב, מאך מיר אויך ליכטיג; הייליגע באשעפער, עס איז מיר טונקל, איך בין נישט קיין צופרידענע מענטש, עס איז מיר אזוי ביטער, מיין מח איז נישט רואיג און איך בין פיל מיט זארג - יעדעס מאל ווענן א צווייטע זאך; רבונו של עולם, העלף מיר אז עס זאל שוין זיין ביי מיר - ׳כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ, ה׳ אוֹר לִי׳, עס זאל מיר אייביג זיין ליכטיג, און איך זאל דיר אלעמאל שפירן.

הייליגע באשעפער, מאך מיר ליכטיג; מאך ליכטיג פאר מיין טייערע מאן און פאר מיינע קינדער. זיי זאלן דיר אייביג שפירן, און דיר אייביג דינען; העלף מיר אייבערשטער אז מיין מאן זאל זיין אן ערליכער איד, און אז מיינע קינדער זאלן זיין צדיקים גמורים דבקים בה׳ ובתורתו, בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געוועזן פאר דיינעט וועגן.

אזוי זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ; און דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס געשעהט אויבן אין הימל ווען א מענטש רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, אלע מלאכים קומען צו גיין און זאגן פארן אייבערשטן: ״מיר ווען זיך פארענען מיט אים״, זאגט דער אייבערשטער (זוהר בלק): ״ניין, איך מיט אים אליין, און קיינער זאל

זיך נישט אריין מישן"; דאס איז דער גרעסטער תענוג און נחת רוח ביים אייבערשטן, ווען א מענטש טענה'עט זיך מיט אים, און בעט אים: "טאטע, האב אויף מיר רחמנות".

זאלסט קיינמאל נישט האבן צו טון מיט מחלוקת; אויב א פרענד רופט דיר, און רעדט זיך אויס איר הארץ וועגן איר מאן וכדומה, זאלסטו ח"ו נישט זיין קיין גורם צו צעטיילן א מאן און ווייב, ווייל עס העלפט נישט קיין תשובה פאר אזא איינער וואס צעברעכט א אידישע שטוב, ווער רעדט נאך אז עס איז דא קינדער, ווערן זיי נעבעך קרבנות. חז"ל זאגן (גיטין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", ווער עס גט זיך פון זיין ווייב, וויינט דער מזבח אויף זיי; פלעגט מוהרא"ש ז"ל שטענדיג זאגן, פארוואס וויינט דוקא דער מזבח? פארוואס וויינט נישט דער שלחן, דער מנורה, דער ארון, וואס עפעס דוקא דער מזבח? פלעגט מוהרא"ש ז"ל זאגן: דער מזבח וויינט, און ער זאגט: "אויף מיר איז מען שוין מקריב געווען קרבנות, פארוואס פעלט אויס מען זאל ברענגען נאך קרבנות..."

אך און ווי פאר א פרוי וואס העצט אויף א צווייטן אז זי זאל אפ לאזן איר מאן, לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ; אויב האסטו רחמנות אויף א חבר'טע, און דו ווילסט איר העלפן, טראג איר אריבער א שיינע טארט אויף יום טוב, מאך איר א פיינע זאך פאר די סעודה, אדער נעם איר ארויס פאר א שפאציר וכדומה, אבער נישט אויפהעצן ח"ו; איך שרייב דיר דאס, ווייל נעכטן קומט צו מיר א אינגערמאן און ער וויינט אז זיין ווייב האט אים איבערגעלאזט, אפילו איך זאג שטענדיג אז רוב סעפערעישנס זענען די מענער שולדיג, אבער דא זע איך קלאר אז די פרענדס זענען שולדיג, ווייל מען מישט זיך אריין אין יענעמס פריוואטע לעבן וכו'.

זאלסט האבן א פרייליכע יום טוב, און געדענק וואס איך שרייב דיר כמעט יעדע וואך, אז ווען די מאמע איז פרייליך זענען אלע קינדער פרייליך, און אז די ווייב איז פרייליך איז דער מאן פרייליך, און אז די ווייב בלאזט קען זיך די מאן נישט קאנצעטרירן אויף גארנישט, און נישט מצליח זיין.

א אינגערמאן האט זיך אויסגעוויינט פאר מיר די וואך, אז זיין ווייב בלאזט אויף אים שוין אפאר וואכן וכו׳, ער זאגט מיר: ״איך קען נישט טראכטן, איך האב נישט קיין מח, איך האב נישט קיין שטוב וכו׳״; זי איז נעבעך נישט שולדיג, זי האט געלערנט אין א שיינע סקול דא אין שטאט וואס מען האט נישט גערעדט צו די מיידליך אז מען דארף אכטונג געבן פון מניוולים, און מען האט נישט גערעדט צו זיי אז אפילו א זיידע, אפילו א טאטע, און אפילו א ברודער - קיינער קען דיר נישט אנרירן, און זי איז געפאלן א קרבן פאר איר זיידע וואס ער לערנט נאך היינט פאר שיעורים ברבים און רעדט קעגן דעם הייליגן רבי׳ן, א נואף, א שמוץ; דאס איז א מורא׳דיגע געפערליכע זאך, אזוי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות ניאוף, סימן ז): ״זָקֵן מְנָאֵף אֵין הַדַּעַת סוֹבְלָתוֹ״; און יעצט איז נעבעך די פרוי א קרבן, און זי וויל נישט האבן קיין שייכות וכו׳.

דאס שרייב איך דיר אז דו זאלסט וויסן פארוואס איך רעד פון דעם צו די אינגלעך און צו די מיידלעך; ווייל ווען א קינד איז אנגעגרייט, און ער ווייסט וואס דאס לעבן איז, איז אים גרינגער נאכדעם.

אויב דו קענסט - מאך אפאר תפילות פאר מיר, אז איך זאל האבן כח ממשיך צו זיין מיט די חדר, די סקול און די ישיבה. מיר דארפן יעצט זייער וויכטיג א קאמפ פאר די מיידלעך, אינגלעך און בחורים; ווייל אז די קינדער צעלויפן זיך אפילו נאר זומער און זיי גייען אין פרעמדע קעמפס וואס מען רעדט נישט צו זיי וכו׳, קענען זיי פארלירן זייער לעבן.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן ערליכע טיטשערס וואס רעדן צו די מיידלעך פון יראת שמים; ווייל אזוי ווי מען דארף רעדן צו אינגלעך דארף מען רעדן צו מיידלעך. א מאמע דארף אכטונג געבן ווען איר טאכטער רופט א פרענד צו זיך אין שטוב, ווי אזוי זיי שלאפן וכו׳; עס איז נישט דא אזא זאך אז מיידליך קענען אלעס טון. עס איז זייער שווער צו שרייבן פון דברים שהצניעות יפה להם, אבער איך האף

אז דו פארשטייסט וואס איך מיין, אז נישט זאלסטו מיר איבער פרעגן פאר דו נעמסט אריין געסט אין שטוב.

א פריילליכן יום טוב.

...